# DER NAYER SHER -דער נײַער שער

Paroles et Musique : Abraham Ellstein (1907-1963)

| | |
|---|---|
| Hey du klezmer, nem dem fidl, | היי דו כּלי-זמר, נעם דעם פֿידל , |
| shpil dos naye lidl, | שפּיל דאָס נײַע לידל , |
| tantsn vet men dem nayem sher. | טאַנצן וועט מען דעם נײַעם שער. |
| In a karahod men dreyt zikh, | אין אַ קאַראַהאָד מען דרייט זיך, |
| un dos harts derfreyt zikh, | און דאָס האַרץ דערפֿרייט זיך , |
| nor ven men tantst dem nayem sher. | נאָר ווען מען טאַנצו דעם נײַעם שער. |

| | |
|---|---|
| Hekher, hekher, biz di stelye, | העכער , העכער, ביז די סטעליע, |
| shpringt der zeyde, elye. | שפּרינגט דער זיידע אליה. |
| Es vilt zikh lebn im vos mer. | עס ווילט זיך לעבן אים וואָס מער. |
| Un di bobe, zosye kvelt fun nakhes, | און די באָבע זאָסיע קוועלט פֿון נחת , |
| sonim oyf tselokhes, | שׂונאים אויף צו להכעיס. |
| tantsn vet men dem nayem sher. | טאַנצן וועט  מען דעם נײַעם שער. |

| | |
|---|---|
| Refren | רעפֿרען |

| | |
|---|---|
| Nu, zet, nor zet vi yeder freyt zikh | נו ,זעט, נאָר זעט ווי יעדער פֿרייט זיך, |
| un vi men dreyt zikh, | און ווי מען דרייט זיך |
| un men tupet mit di fis. | און מען טופּעט מיט די פֿיס. |
| Dos harts tsegeyt | דאָס האַרץ צעגייט |
| nor tantsn bet zikh | נאָר טאַנצן בעט זיך, |
| vayl ven men tantst vert | ווײַל ווען מען טאַנצט ווערט |
| dan dos lebn azoy zis. | דאַן דאָס לעבן אַזוי זיס. |

| | |
|---|---|
| Freylekh zayn atsind darfn mir ale; | פֿריילעך זײַן אַצינד דאַרפֿן מיר אַלע |
| troyerik zayn dos vet men shoyn nisht mer | טרויעריק זײַן דאָס וועט מען שוין נישט מער |
| vayl bazetsn vet men bald di kale, | ווײַל באַזעצן וועט מען באַלד די כּלה, |
| un tantsn vet men gor dem nayem sher. | און טאַנצן  וועט מען גאָר דעם נײַעם שער. |

| | |
|---|---|
| Vos toygn ale dayges, ale zorgn, | וואָס טויגן אַלע דאגות, אַלע זאָרגן, |
| oyfn hartsn ven es iz dir shver? | אויפֿן האַרצן ווען עס איז דיר שווער? |
| Besser, brider, hofn az biz morgn | בעסער, ברידער האָפֿן אַז ביז מאָרגן |
| veln ale in eynem tantsn dem nayem sher! | וועלן אַלע אין איינעם טאַנצן דעם נײַעם שער! |

| | |
|---|---|
| Refren... | רעפֿרען.... |

| | |
|---|---|
| Nu, zet, nor zet vi yeder freyt zikh | נו,זעט, נאָר זעט ווי יעדער פֿרייט זיך |
| un vi men dreyt zikh, | און ווי מען דרייט זיך |
| un men tupet mit di fis. | און מען טופּעט מיט די פֿיס. |
| Dos harts tsegeyt | דאָס האַרץ צעגייט |
| nor tantsn bet zikh | נאָר טאַנצן בעט זיך |
| vayl ven men tantst vert, | ווײַל ווען מען טאַנצט ווערט , |
| dan dos lebn azoy zis. | דאַן דאָס לעבן אזוי זיס. |